אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת תזריע טהרה/ גליון כ"ו

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# הכל בתר רישא גריד

מיט אן התחדשות דקדושה האט זיך אנגעפאנגען דעם נייעם זמן הלימודים בקרב מוסדותינו הקדושים ווען די חשובע לעכטיגע קינדערלעך זענען צוריק געקומען מיט א מורא'דיגע פרישקייט נאכן אפראוועגען א געהויבענע יום טוב פסח און גלייכצייטיג זיך אנגעשעפט פרישע כוחות צום נייעם זמן צו קענען שטייגן בתורה ועבודה.

אבער פאר מיר גייען רעדן פונעם נייעם זמן דארפן מיר א מינוט רעדן פון די גיטע גריסן וואס מיר האלטן און איין צוריק הערן פון די חשובע עלטערן נאכדעם וואס ווי פארשטענדליך איז און די יעצטיגע טעג פון יום טוב אויסגעקומען מער צו פארברענגען מיט די לעכטיגע קינדער. האלטן מיר און איין צוריק הערן פון די חשובע עלטערן אז וויפיל מיר האבן געזעהן אינמיטן די ווינטער זמן ווי די קינדער שטייגן און וואקסן זענען מיר נתפעל געווארן יעצט און די טעג ווען מיר האבן געזעהן אסאך מער וויפיל מיר האבן געמיינט זענען די לעכטיגע קינדער געוואקסן בתורה ויראת שמים און דאס האט אונז פארשאפן אן אמת'ע שמחת יום טוב.

און דעם זמן ווען מיר שטייען טאקע ביים אנהייב פונעם זמן הילימודים ווילן מיר נאכאמאל בעטן פון די חשובע עלטערן אז אזויווי מיר קענען זאגן בפה מלא אז די איינציגסטע זאך וואס באגלייט אונז טאג טעגליך אונז זאלן קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש איז די הייסע תפילות פון די חשובע עלטערן וואס נאר דאס באגלייט אונז אויף טריט און שריט. ווילן מיר בעטן פון די חשובע עלטערן צו ווייטער מתפלל זיין אז די קינדער זאלן ווייטער שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים לשמחת לב פון די חשובע עלטערן די געטרייע שותפים פונעם מוסדות.

גלייכצייטיג ווילן מיר נאכאמאל דערמאנען אז כידוע איז די צופרידענהייט פון די חשובע עלטערן די נאמבער איינס זאך וואס מיר קוקן ארויס. ווילן מיר בעטן אז אויב איר האט סיי וואספארא הערה און סיי וואספארא ענין צו קומען עס מודיע זיין און מיר וועלן בעזר השם יתברך טוהן וואס מען קען צו צופרידן שטעלן די חשובע עלטערן.

השי"ת זאל העלפן אז די התחלה זאל זיין שטארק וואס כידוע אז אויב די התחלה איז שטארק מאכט עס אז די גאנצע זמן זאל זיין מיט א קנאק. און מיר זאלן ווייטער זעהן ווי די לעכטיגע קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה.

בברכת א גוט שבת

הנהלת המוסדות

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## ברכת אילנות

דעם פארגאנגענעם מיטוואך זענען די לעכטיגע תלמידי המוסדות געגאנגען און באגלייטונג פון די חשובע מלמדים מקיים צו זיין די מנהג פון מאכן א ברכה אויף דיביימער ווי ערליכע אידן האבן זיך געפירט און די חדשי ניסן – אייר און די פארמיטאג שעות זענען די לעכטיגע קינדערלעך געגאנגען און געזאגט אינאיינעם מיט די מלמדים די ברכה מיט גרויס כוונה.

א מחזה הוד האט זיך אפגעשפילט ווען די לעכטיגע קינדער פון כתה א׳ און כתה ב׳ זענען אנגעקומען מאכן די ברכה ווען קודם האבן די קינדער פון כתה ב׳ געמאכט די ברכה מיט גרויס כוונה און ווען זיי האבן געענדיגט האט אפגעהילכט א הויעכע אמן פון די קינדער פון כתה א׳ דערנאך האבן די קינדער פון כתה א׳ געמאכט די ברכה און די קינדער פון כתה ב׳ האבן געענפערט אן הויעכע אמן ווי עס דארף צו זיין.

דערנאך האבן די לעכטיגע קינדער פון כתה א׳ אריבער געגאנגען צו די חצר פונעם געטרייע מלמד און דארט פארברענגט אינאיינעם בשבת אחים גם יחד.

בעת די תלמידים פון כתה ב׳ האבן נאכן זאגן די הייליגע לשם יחוד מיט א ווארעמ׳קייט און געמאכט א ערליכע ברכה אויף די ביימער און באטראכט די ביימער ווי אזוי עס בליעט ווי עס איז געפסקנט און שלחן ערוך. האבן די לעכטיגע קינדער פון כתה ב׳ זיך אוועק געזעצט אויף אן הערליכע בריק העכער א טייכל און געלערנט א משנה און פרקי אבות און דערנאך געזינגען אפאר ווארימע ניגונים.

אויפ׳ן וועג אהיים האט די געטרייע מלמד הרב חיים ראטטענשטיין שליט״א פארציילט שיינע מעשיות פאר די לעכטיגע קינדערלעך פון די הייליגע צדיק ר״ר שמעלקא מ׳ניקלשבורג וואס זיין יארצייט געפאלט אויס דעם שבת.

אן עקסטערע יישר כח פאר די געטרייע מלמד הרב חיים ראטטענשטיין שליט״א פארן מסדר זיין די גאנצע זאך און פרובירן צו זיכער מאכן אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר הטוב.

השי״ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער זעהן אסאך אידיש נחת!

# א גריס
## פון די לעכטיגע קינדערלעך

די לעכטיגע קינדערלעך ביי ברכת אילנות








## ברכת מזל טוב

פאר הילד החשוב **משולם פייש פיש** נ״י - קינדערגארטן

און פאר הילד החשוב **ישעי׳ פיש** נ״י – נורסערי

בני הרב אפרים יואל פיש שליט״א

נכד רביה״ק זי״ע – ומלמד מומחה במוסדותינו הקדושה

אז זייער מאמע האט געבוירן א יונגל בעבי

## ברוכים הבאים

פאר די חשובע יונגל וואס איז אריינגעקומען און אונזער תלמוד תורה

הילד החשוב **שמואל דוב זילבער** נ״י-קינדערגארטן

צו מנדב זיין די גליון ביטע זיך פארבינדן מיטן שליח המוסדות

אויף טעלעפאון נומבער (845) 662 8093

## וויכטיגע באס אפדעיט

מיט גרויס פרייד טוען מיר מודיע זיין פאר אלע חשובע עלטערן אז נאך אסאך מיה און פלאג איז ב"ה געלונגען פאר די הנהלת המוסדות אהערצושטעלן א נייע באס טרעקינג סיסטעם וואס וועט זיין פיל מאל בעסער ווי די ביז יעצטיגע און עס וועט בעז"ה זיין אסאך גרינגער פאר די עלטערן צו מיט האלטן ווען די באס קומט אן צו אייער סטאפ.

די נייע נומבער פאר די טרעקינג איז ווי פאלגענד 845-660-8674

ביטע נעמט איו אכט אז אזוי ווי עס איז נאך א נייע זאך קען זיך נאך מאכן פראבלעמען אבער מיט דעם אייבירשטענס הילף וועלן מיר פרובירן אז עס זעל ארבעטן גוט די בעסטע וואס עס איז שייך, איז כדאי עס זאל נישט זיין שוועד פאר די עלטערן וועט נאך ביזדערווייל ארבעטן די אלטע טרעקינג ביז מיר וועלן זעהן אז די נייע איז שוין פולקאם גוט.

**פון די צווייטע זייט ווילן מיר נאכאמאל דערמאנען אז כדאי עס זאל נישט צוקומען צו קיין סכנות און קיין עגמת נפש איז ווען מען מאכט א באס טשעינדש זאל מען מאכן זיכער צו אריינרופן אין אפיס עקסט 3 נישט שפעטער ווי 2:00 אויב מען הייבט נישט אויף ביטע לאזט א מעסידש.**

יישר כח הנהלה מיט פארשטענדעניש.




# שלום זכר

לרגל בן הנולד אצל

## הרב אפרים יואל פיש שליט"א

נכ"ד רביה"ק זי"ע

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

## בשב"ק זו פרשת תזריע טהרה

בביהמ"ד וזידיטשוב פרעמיסלא

4 Emes Lane

---

# הוואכט נאכט

תתקיים אי"ה במוצשב"ק

באולם שע"י ביהמ"ד פרעמישלאן

38 Herrick Avenue

הברית מילה יתקיים ביום א'

בביהמ"ד זידיטשוב פרעמיסלא

## כל אחד מזומן

תלמוד תורה
-- עבודת משולם פייש --
טאהש
מאנסי יצ"ו

## זכות כל הלימודים בשבוע זה

פרשת אחרי קדושים

יהא מוקדש לזכות ולעילוי נשמת

הרב החסיד המרומם

# רבי יהושע שלום ב"ר
# יהודה עזריאל ואסתר ז"ל

(ראטטער)

**היארצייט חל ביום א' -ב' לחודש אייר**

זכות הלמודים וזכות התפילות וזכות רמיתנו הקדושים ימליצו טוב בעד נשמתו בגן עדן ובעד משפחתו החשובה העומדים תמיד לימין רבותינו ולימין מוסדותינו הקדושים עץ חיים היא למחזיקים בה אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר בכבוד ונזכה להמשיך פעולות הכבירים מתוך נחת והרחבת הדעת עד ביאת הגואל בב"א.

# • הרתודה והברכה •

הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו

## הרב יעקב מעבאלאוויטש שליט"א

נכד רביה"ק זי"ע - מחשובי הורי המוסדות

**לזכות בנו הילד החשוב כמר משולם פייש נ"י-קינדערגארטן**

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן

ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה